וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוסרר
קאבינעט פאר דערלערנען די יידישע סאָוועטישע ליטעראטור,
שפראך און פאָלקלאָר
פאָלקלאָר־סעקציע

מ. בערעגאָווסקי

יידישע אינסטרומענטאלע פאָלקס־מוזיק

צענטראלע יידישע ביבליאטעק
און פרעסע ארכיוו

פארלאג פון דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוסרר
קיעוו • 1937

וויסנשאפט־אקאדעמיע פונ אוסרר

מ. בערעגאָווסקי

ייִדישע אינסטרומענטאלע פאָלקס־מוזיק

פארלאג פונ דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פונ אוסרר
קיִעוו • 1937

Printed in Soviet Union

פאראנטוואָרטלעכער רעדאקטער י. פ. לוואָוו. טעכנ.
רעד־אקטער — ש. ליפאָוו. קאָרעקטער — ש. ליפאָוו.
פאפיר 92 × 60 — 1/16 — 36 קג. 1 דרוק־בויגנ. אינ
1 פאפיר־בויגנ 96 000 צייכנס. טיראזש 1000 עקז. פארלאג
נומ. 81. דרוקעריי פונ דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פונ
אוסרר — קיִעוו, ארטיאָמ 44. באשט. 695. באפולמ.
פונ גענגלאוליט 3534. אָפגעגעבנ אינ זאצ 37 — 16/IV.
אונטערגעשריבנ צום דרוק 37 — 15/VIII.

דערלויבט ארויסצולאָזנ פונ דרוק דורכ דער
וויסנשאפט־אקאדעמיע פונ אוסרר. באשטענדיקער
סעקרעטאר פונ וויסנשאפט־אקאדעמיע אוסרר —
אַ. ה. פאלאדינ.

ייִדישע אינסטרומענטאלע פאָלקס־מוזיק

(פּראָגראַם צו פאָרשן די מוזיקאַלישע טעטיקייט פונ די ייִדישע קלעזמער)

אריינפיר

אפנ געביט פונעמ ייִדישנ פאָלקס־ליד איז בא אונדז אינ סאָוועטנ־פארבאנד עפּעס וואָס שוינ אָפּגעטאָנ. די פאָלקלאָר־סעקציע פונעמ קאבינעט פאר ייִדישער ליטעראטור, שפראכ און פאָלקלאָר בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פונ או. ס. ס. ר. פארמאָגט איצט א גאנצ היפּשנ ארכיוו, וואָס באשטייט פונ עטלעכע טויזנט פאָלקלאָר־שטיק (לידער, מייסעס, שפּריכ־ווערטער, רעדנס־ארטנ א. ד. גל.). די פאָנאָטעקע (פאָנאָגראמעס־ארכיוו) פונ דער פאָלקלאָר־סעקציע באשטייט איצט (צומ 1־טנ יאנואר 1937 יאָר) פונ 980 פאָנאָגראפ־וואלצנ, אפ וועלכע עס זיינענ אופגענומענ (אָנגעזונגענ און אָנגעשפּילט) העכער צוויי א האלבע טויזנט מוזיקאלישע פאָלקלאָר־שטיק (לידער, ניגונים, אינסטרומענטאלע ווערק א. ד. גל.).

אסאכ פונ די דאָזיקע מאטעריאלנ זיינענ שוינ באארבעט געוואָרנ און טיילווייז פארעפנטלעכט [1]). די באארבעטונג פונ די מאטעריאלנ און אויכ די וויטערדיקע זאמל־ארבעט ווערט איצט פאָרגעזעצט.

עס איז אָבער פאראנ איינ געביט אינ דער ייִדישער פאָלקס־קונסט, צו וועלכנ ס'האָבנ זיכ ביז איצט קימאט ווי אפילע ניט צוגערירט ניט דער פאָר־שער און ניט דער זאמלער. דאָס איז די ייִדישע אינסטרומענטאלע (קלעזמע־רישע) פאָלקס־מוזיק.

פונ די הונדערטער מוזיקאלישע שטיק, וואָס די ייִדישע קלעזמער פלעגנ שפּילנ, איז ביז איצט פארעפנטלעכט בלויז געציילטע איינציקע נומערנ. היינט, צי וייסנ מיר, אשטייגער, וויאזוי פלעג זיכ געוויינלעכ אויסבילדנ דער קלעזמער, ווו און וויאזוי ער האָט זיכ געלערנט שפּילנ, וויאזוי פלעג ער פארשאפנ פאר זיכ דעמ נויטיקנ רעפּערטואר א. אז. וו.? — קימאט ווי גאָרניט!

---

[1]) די מאטעריאלנ פונ אונדזער ארכיוו זיינענ פארעפנטלעכט אינ פאָלגנדיקע זאמלונגענ:

א) מ. בערעגאָווסקי — ייִדישער מוזיק־פאָלקלאָר, ב. 1, מעלוכישער מוזיק־פארלאג, מאָסקווע 1934 (ייִדישע און רוסישע אויסגאבעס).

ב) מ. בערעגאָווסקי — ייִדישער מוזיק־פאָלקלאָר, ב. 2, דערשיינט אינגיכנ אינ דעמ זעלבנ פארלאג.

א ציקל ייִדישע פאָלקלאָר־לידער פונעמ סאָוועטישנ פעריאָד דרוקט זיכ אינ דעמ באנד "Творчество народов" פונ דער סעריע „Две пятилегки“, פארלאג „פראוודא“, מאָסקווע.

אויב מיר הייסן זייער ווייניק וועגן דעם דורכשניטלעכן קלעזמער, זײַנען עפשער אופגעזאמלט יעדיעס וועגן די באגאבטערע, די טאלאנטפולערע צווישן די קלעזמער? — אויך קימאט ווי גאָרניט!

צי קאָן מען עפשער זאָגן, אז די קלעזמערישע מוזיק איז ניט אופגעזאמלט דערפאר, ווײַל זי איז אפ אזויפיל מינדערווערטיק, אז עס לוינט ניט צו פאר־נעמען זיך מיט זאמלען און שטודירן זי? אז די קלעזמערישע מאסע איז געווען אפ אזויפיל גרוי און טאלאנטלאָז, אזוי קינסטלעריש אָרעם און ווייניק אינטערעסאנט, אז מיר וועלן דאָ קיין איין באגאבטע פערזענלעכקײַט ניט געפינען?

— ניין! שוין אפילע די אויבנופיקסטע באקאנטשאפט מיט דער קלעזמע־רישער קונסט און מיט די צענדליקער טאלאנטירטסטע קינסטלער, וואָס די קלעזמער־מאסע האָט פון זיך ארויסגעגעבן, איבערצײַגט אונדז, אז מיט אָט־אָ דעם פארזעענעם און פארלאָזטן געביט איז קעדײַ זיך צו פארנעמען.

דער מוזיק־פאָרשער און אויך דער מוזיק־היסטאָריקער האָבן אסאך וואָס צו טאָן ארום דער קלעזמערישער קונסט און ארום די באגאבטע פאָלקס־קינסטלער, ארום די דאָזיקע טאלאנטירטע פאָלקס־מוזיקער, וואָס זײַנען אויסגעוואקסן פון דער קלעזמער־מאסע. אסאך פראָבלעמעס וויכטיקע פאר דער געשיכטע פון דעם יידישן מוזיק־וועזן קאָנען דאָ געשטעלט און באארבעט ווערן.

די קלעזמערישע מוזיק אז פריער קימאט אויסשליסלעך געשפילט געווען אפ כאסענעס. מע דארף אָבער ניט מיינען, אז די דאָזיקע מוזיק האָט פאר אונדז בלויז א קולטור־היסטאָרישן ווערט. די בעסטע קלעזמערישע שטיק וועלן גערן אופגענומען ווערן אין דעם סאָוועטישן מוזיק־רעפערטואר (באזונדערס די יידישע פאָלקס־טענצ). אויך דער סאָוועטישער קאָמפאָזיטער האָט וואָס צו נעמען פון דער קלעזמערישער מוזיק.

דער ציל פון דער דאָזיקער ארבעט איז צוציען די אופמערקזאמקײַט פונעם סאָוועטישן מוזיקער, באזונדערס פון די יידישע סאָוועטישע קאָמפאָזיטערס און פון די ליבהאָבער פון דער פאָלקס־קונסט צו דער קלעזמערישער מוזיק. צוערשט איז נויטיק דורכצופירן א גרעסערע זאמל־ארבעט פון די מוזיקאלישע ווערק פונעם קלעזמערישן רעפערטואר, עס איז אויך נויטיק אופזאמלען די געהעריקע יעדיעס וועגן די מוזיקאלישע ווערק און וועגן די קלעזמער. דורך דעם וועלן מיר קאָנען ארויסהייבן דאָס שענסטע און דאָס בעסטע פון דער קלעזמערישער מוזיק, איבערנעמען און ארײַנגיסן עס אין אונדזער נײַער סאָוועטישער פאָלקס־קונסט.

פון די פאראנענע מאטעריאלן ווייסן מיר, אז די קלעזמער טרעפן מיר אין דעם יידישן שטייגער שוין מיט אסאך יאָרהונדערטער צוריק. קימאט אין אלע שטעט מיט א באדײַטנדיקער יידישער באפעלקערונג טרעפן מיר פון לאנגאָן יידישע קלעזמערישע קאָמפאניעס. זיך פאָרשטעלן א כאסענע אָן קלעז־מער איז לאכלוטן אומעגלעך, און דאָס איז כאראקטעריסטיש ניט בלויז פארן 19 יאָרהונדערט, נאָר שוין פאר אסאך יאָרהונדערטער פריער. אזוי, אשטייגער,

איז דורכויס באוווסט, ווען עס פלעג טרעפן אין די יידישע קעהילעס אין דײַטשלאנד (15־טער יאָרהונדערט), אז צוליב געוויסע סיבעס איז פארבאָטן געווען אפ א צײַט צו מוזיצירן (צוליב טרויער אין די פירעטלעכע פאמיליעס א. ד. גל.), פלעג מען אין אזוינע פאלן באָדיי ארויספירן די כאסענע אויסער די גרענעצן פון די דאָזיקע געגנטן, קעדיי צו האָבן די מעגלעכקײַט דורכפירן די כאסענע מיט מוזיק [1]. קלעזמער באגעגענען מיר אויך אפ אנדערע פאמיליען־סימכעס און געזעלשאפטלעכע פײַערונגען [2].



שלוס־סצענע פון אן אכאשווייראָש־שפיל (17־טער יאָרה.)

וועגן די עלטערע יידישע קלעזמער און קלעזמערישע קאפעלעס אין די לענדער פון מײַרעוו־אייראָפּע איז שוין הײַנט צו טאָג אָנגעזאמלט א געוויסער מאטעריאל [3]. דער דאָזיקער מאטעריאל באלויכט אָבער אין א געוויסער מאָס בלויז דעם קלעזמערישן לעבן־שטייגער, זייער מאטעריעלע און סאָציאלע לאגע און אמאָל אויך דעם צוזאמענשטעל פון די יידישע קלעזמערישע קאָמפאניעס.

---

[1]) גידעמאן, מ. — יידישע קולטור־געשיכטע אין מיטלאלטער. יידיש — נ. שטיפ, בערלין, 1922, ז. 89.

[2]) דר. רודאָלף גלאנץ — א באריכט פון א בענ־דאָר וועגן דער פײַערלעכער פראָ־צעסיע פון די פראָגער יידן. ארכיוו פאר געשיכטע פון יידישן טעאטער און דראמע. ווילנע־ניו־יאָרק, 1930, ז. 80 און ווײַטער.

[3]) L. Wolf—Fahrende Leute bei den Juden. Mitt. zur jüd. Volkskunde 1908—1909; P. Nettl—Alte jüdische Spielleute und Musiker. Prag, 1923. דער זעלבער Die Prager Judenspielleutezunft אין זײַן בוך „Beiträge zür böhmischen und mährischen Musikgeschichte. Brünn, 1927.

זע אויך די ביבליאָגראפיע וועגן די יידישע קלעזמער אין טשעכיע, וואָס איז אָנגעגעבן אין ד״ר י. שאצקיס רעצענזיע אפ פ. נעטל׳ס ארבעטן. ארכיוו פאר דער געשיכטע פון יידישן טעאטער און דראמע. ערשטער באנד. ווילנע — ניו־יאָרק, 1930, ז. 742.

מיר ווייסן אָבער גאָרניט וועגן דער מוזיק, וואָס די קלעזמער פלעגן שפילן. שוין אָפּגערעדט דערפון, אז ביז איצט זײַנען ניט באוווּסט קיינע געדרוקטע אָדער האנטגעשריבענע מוזיקאלישע ווערק פון די עלטערע קלעזמער. דאָס הייסט, אז דאָס וויכטיקסטע פעלט אונדז לעסאַטע איינגאנצן אויס.

ס'איז אָבער קיין ספק ניט, אז אסאך שפּורן פונעם עלטערן קלעזמערישן רעפּערטואַר זײַנען פארבליבן אויך אינעם 19־טן יאָרהונדערט. ליידער, מוזן מיר קאָנסטאטירן, אז ביז איצט איז די קלעזמערישע מוזיק אין אלע לענדער, וווּ יידן וווינען און וווּ קלעזמער זײַנען אינעם 19־טן י. ה. געווען אין א גרויסער צאָל און זײַנען פאראן אויך איצט — איינערגעץ איז ניט אופגעזאמלט און ניט פארשריבן געוואָרן די דאָזיקע מוזיק (יעדנפאלס איז ביז איצט אזוינס ניט פארעפנטלעכט געוואָרן און אונדז איז ניט באוווּסט, אז עמעצער זאָל זיך אינטערעסירן און זאמלען די ווערק און די נויטיקע ידיעות וועגן קלעזמער).

צי איז נאָך מעגלעך איצט פארפילן דעם דאָזיקן בלויז? זיכער! אופשטעלן אין א גרויסער מאָס דעם רעפּערטואַר פון די קלעזמער פון דער 2־טער העלפט 19־טן י. ה. איז נאָך אפילע איצט פארהעלטנסמעסיק ניט זייער שווער. קלעזמער אין עלטער פון 50—60 יאָר (און ניט זעלטן פון 70—80 יאָר) קען מען קימאט אומעטום אויסגעפינען אין א היפּשער צאָל. די דאָזיקע קלעזמער געדענקען אסאך מוזיקאלישע שטיק — טענץ, מוזיקאלישע ווערק, וואָס מע פלעג שפּילן צום טיש, גאס־ניגונים (פירן צו דער כופּע, אָפּפירן די מחותּנים א. ד. גל.), — וואָס זיי האָבן איבערגענומען פון טאטעס, זיידעס און אנדערע עלטערע קלעזמער. אמאָל טרעפן מיר בא די עלטערע קלעזמער (און אָפטמאָל אויך בא די ליבהאָבער־מוזיקער) האנט־געשריבענע נאָטן, וואָס זײַנען זיי פארבליבן בעירושה פונעם טאטן און זיידן. די דאָזיקע זאמלונגען קאָנען אונדז געבן א מערער אָדער ווייניקער פול בילד פון דעם קלעזמערישן רעפּערטואַר, אָנהייבנדיק פון דער צווייטער העלפט 19־טן י. ה. אָנ. פון אזעלכע באזונדערע זאמלונגען איז אָבער ניט מעגלעך אויסצושיילן יענע שפּורן, וואָס זײַנען געבליבן אינעם קלעזמערישן רעפּערטואַר פון די פריערדיקע צײַטן. דאָס וועט אסאך גרינגער זײַן צו טאָן דעמלט, ווען מיר וועלן האָבן פאר זיך א גרעסערן מוזיקאלישן מאטעריאל, וואָס איז אָנגעזאמלט געוואָרן אין א גאנצער ריי לענדער און געגנטן (סאָוועט־פארבאנד—אוקראינע, ווײַסרוסלאנד, מאָלדאוויע, יידישע אווטאָנאָמע געגנט, אין אויסלאנד — ליטע, פוילן, גאליציע, רומעניע, טשעכאָסלאָוואקיע, אמעריקע א. אז. וו.). דער דאָזיקער מאטעריאל וועט אונדז, ערשטנס, געבן א פול און רײַך בילד פון דער יידישער אינסטרומענטאלער פאָלקס־מוזיק פון דער צווייטער העלפט 19־טן י. ה. און צווייטנס, וועט עפּשער טאקע מעגלעך זײַן אופצודעקן די שפּורן פון דעם עלטערן קלעזמערישן רעפּערטואַר, וואָס האָבן געקאָנט, זאָל זײַן אפילע אין א געענדערטער פאָרם און מיט אסאך אָרטיקע אָנשיכטונגען, פארבלײַבן ביז צו אונדזער צײַט.

איך וויל דאָ באטאָנען, אז א גרינדלעכער שטודיום פון דער יידישער אינסטרומענטאלער פאָלקס־מוזיק וועט מעגלעך זײַן ערשט דעמלט, ווען מיר וועלן האָבן די געהעריקע מאטעריאלן פון א גאנצער ריי לענדער און געגנטן.

שטעלן און באארבעטן געוויסע פּראָבלעמעס בלויז אפ אָרטיקן מאטעריאל, דאן ווען וועגן די מאטעריאלן פון די איבעריקע געגנטן און לענדער איז אונדז איינגאנצן ניט באוווּסט, אזא שטודיום קאָן זײַן בלויז א פּאָרלויפיקער און איז ניט גענוג פרוכטבאר. אָפטמאָל וועלן מיר האָבן פאר זיך דערשײַנונגען, וואָס זייערע היסטאָרישע וואָרצלען זײַנען פאר אונדז ניט קלאָר, אָדער איינגאנצן פארבאָרגן, און דער אָרטיקער מאטעריאל וועט אונדז דאָ ווייניק וואָס ארויסהעלפן אפ אויסצוקלאָרן די דאָזיקע דערשײַנונגען.



יידישע קלעזמער פון פראנקפורט אם מײַן (קופּערשטיך פון 1717 יאָר).

אָט האָבן מיר פאר זיך א פּאָר בײַשפּילן, וויאזוי שווער ס'איז אפ אזא באגרענעצטן מאטעריאל אופדעקן די היסטאָרישע וואָרצלען פון באזונדערע דערשײַנונגען אין דער קלעזמערישער מוזיק. זאמלענדיק מאטעריאלן און ידיעות וועגן יידישע פאָלקסטענץ [1]) און באזונדערס וועגן די פארשפּרייטסטע בא אונדז „פריילעכס" און „שער", האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אפ דעם פאקט, אז דער טאנץ „שער" ווערט קיין איינציק מאָל ניט דערמאָנט אין דער יידישער ליטעראטור, סײַ אין דער שיינער ליטעראטור און סײַ אין דער מעמוארן־ליטעראטור. מיר האָבן פארנאָטירט א גאנצע ריי באשרײַבונגען פון יידישע חתונות (און צווישן זיי איינציקע זייער גענויע מיט אסאך פּראָטים ווי, אשטייגער, די באשרײַבונג פון דער חתונה אין עטינגערס ליד „די ליכט" א. אז. וו.). אין די אלע באשרײַבונגען ווערן אָנגערופן פארשיידענע טענץ, אָבער די „שער" ווערט דאָ קיין איין מאָל ניט דערמאנט.

[1]) אין דער ערשטער ריי האָבן מיר דאָ אין זינען געהאט די מוזיק פון די פאָלקס־טענץ. די פּראקטיק האָט אונדז אָבער באוויזן, אז מיר קאָנען ניט איגנאָרירן אויך דעם אויפן, וויאזוי די דאָזיקע טענץ ווערן אויסגעפירט. אליין די מוזיקאלישע פאָרם קאָן ניט אלעמאָל אופווײַזן דעם אונטערשייד צווישן פארשיידענע טענץ.

עס איז צו באַמערקנ, אַז די גרעסטע טייל באַשרײַבונגענ פונ כאַסענעס באַציִענ זיכ צום 19־טנ י. ה. ווי באַוווּסט, האָבנ ביזנ סאָפ 19־טנ י. ה. קיינ מענער ניט געטאַנצט צוזאַמענ מיט פרויענ קיינ פיגורנ־טענצ. שערנ (אונ אַנדערע פיגורנ־טענצ) האָבנ דעמלט געטאַנצט פרויענ (אָדער מיידלעכ) אַלייִנ. אינ די אַלע באַשרײַבונגענ פונ כאַסענעס ווערנ בּיכלאַל ניט דערמאָנט קיינ באַזונדערע פרויענ־טענצ אונ מעמיילע ווערט דאָרט ניט דערמאָנט אויכ די „שער". עס זײַנענ פאַראַנ יעדיִעס, אַז אינ די פריִערדיקע יאָרהונדערטער (אינעם 16־טנ י. ה.) האָבנ פרויענ יאָ געטאַנצט צוזאַמענ מיט מענער פיגורנ־טענצ, עס איז אָבער ניט אָנגעוויזנ וואָסערע טענצ פלעג מענ דעמלט טאַנצנ [1].

אינ ל. לעוואַנדאַס אַרטיקל — „Старинные еврейские свадебные обычаи" Пережитое III, גיט דער אַווטאָר אָנ די טענצ, וואָס מיידלעכ פלעגנ טאַנצנ בּאַ דער קאַלע אַפנ פאָרשפּיל. ס'ווערנ אָנגערופנ אַזעלכע טענצ: פּאָלקע, וואַלס, מאַזורקע, קאַדריל אונ לאַנסיע. די שער ווערט דאָ ניט דערמאַנט. איכ רעכנ, אַז דאָס איז אַזוי פאָרגעקומענ דערפאַר, ווײַל לעוואַנדאַ האָט דעמ אַרטיקל געשריבנ אינ רוסיש אונ האָט דאָ ניט געשטרעבט צו פאַרפיקסירנ אַלע טענצ, וואָס מע פלעג טאַנצנ אַפ דער כאַסענע. ער האָט בלויז אָנגערופנ יענע טענצ, וואָס האָבנ אַלגעמיינ־באַקאַנטע נעמענ [2]. די גרעסטע טייל טענצ, וואָס לעוואַנדאַ האָט דאָ אָנגערופנ זײַנענ אָבער פאַרשפּרייט געווענ צווישנ די פאָלקס־מאַסנ ערשט אינ דער צווייטער העלפט 19־טנ י. ה. ווי באַוווּסט, איז די פּאָלקע אַנטשטאַנענ ערשט אַרום 1830 (אינ טשעכיִע), דער קאַדריל — אינ אָנהייב 19־טנ י. ה. (פּאַריז) אונ דער לאַנסיע איז צום ערשטנ מאָל אויסגעפירט געוואָרנ אינ בערלינער באַלעט ערשט אינעם 1857 יאָר. וועגנ „אַלטע ייִדישע כאַסענע־מינהאָגים" (ווי דער טיטל פונ לעוואַנדאַס אַרטיקל זאָגט אונדז) קאָנ בּענוגייע צו טענצ דאָ קיינ רייד ניט זײַנ.

אויכ אינ די פאָלקס־לידער ווערט דער טאַנצ „שער" זייער זעלטנ דערמאָנט (געציילטע עטלעכע מאָל). די דאָזיקע פאָלקס־לידער באַציִענ זיכ אַלע צו אוקראַיִנע [3].

צי איז עפּשער די „שער" באַקאַנט געווענ בלויז בּאַ די ייִדנ אינ אוקראַיִנע? זיכער ניט. כאָטש אינ דער ליטעראַטור האָבנ מיר וועגנ דעמ קיינע יעדיִעס ניט, אָבער לויט די מיטיילונגענ, וואָס מיר האָבנ באַקומענ פונ אַ גאַנצער רײ פּערזאָנענ, ווייסנ מיר, אַז די „שער" איז געווענ פאַרשפּרייט אינ ווײַסרוסלאַנד, אינ ליטע אונ אינ פּוילנ. אָבער ווענ אַפילע אינ אַנדערע געגנטנ אָדער לענדער וואָלטנ מיר דעמ דאָזיקנ טאַנצ אינ דער לעצטער צײַט (זאָל זײַנ אַפילע אינ דער צווייטער העלפט 19־טנ י. ה.) ניט באַגעגנט, איז דאָס נאָכ אויכ קיינ באַווײַז ניט, אַז ער איז פריִער ניט געווענ דאָרט באַקאַנט. פונ דעמ אוקראַיִנישנ טאַנצ־רעפּערטואַר האָבנ די ייִדנ ניט געקאָנט איבערנעמענ די שער — אינ אוקראַיִניש (אונ בּיכלאַל בּאַ די סלאַווישע פעלקער) איז אַזאַ

[1]) История евреев в России, т. I, изд. „Мир", стр. 346—347.

[2]) ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז אינ דעמ אַרטיקל ווערט ניט דערמאָנט אויכ דער פריילעכס.

[3]) זע קאַהאַנ, ב. 1 ז. 18 (טשעמיראָוויצ, פּאָדאָליע); קאַהאַנ, ב. 2 ז. 47, נומ. 31 (אומאַנ); אונדזער זאַמלונג „ייִדישער מוזיק־פאָלקלאָר" ב. 2 (קאַלינינדאָרפער ראַיאָנ — כערסאָנשטשינע).

טאַנצ ניט פאַראַנ. אונ אינ די פאַלנ, ווענ אוקראַיִנער האָבנ יאָ געטאַנצט שערנ, האָבנ זיי זי איבערגענומענ טאַקע פונ די ייִדנ [1].

אינ פר. בעהמעס בוכ „Geschichte des Tanzes in Deutschland" (לייפּציג 1886), טרעפנ מיר אַ טאַנצ אונטער דעמ נאָמענ „Der Scharer oder Schartanz" (ב. 1, ז. 56). אויכ אינ ג. שיונעמאַנס בוכ „Das Lied der deutschen Kolonisten in Russland" (דרײַ־מאַסקנ־פאַרלאַג, מיונכענ, 1923) געפינענ מיר אַנ אונטערקעפל צומ ליד נומ. 158 „Scher-Lied oder Tanz" (ז. 275). דאָס זעלבע האָבנ מיר באַם ליד אונטער דעמ נומער 339. אינ דער באַמערקונג צום נומ. 339 שרײַבט שיונעמאַנ: „דאָס איז אַ באַליבט טאַנצ־ליד, וואָס באַשטייט צום אָנהייב פונ אומפאַרשטענדלעכער וואָרט־בילדונג, ווי מיר האָבנ דאָס אינ קינדער־ אונ ציילי־לידער" (ז. 413).

דאָס איז לעסאַטע אַלצ, וואָס מיר האָבנ געקאָנט געפינענ אינעם דײַטשישנ טאַנצ־רעפּערטואַר אונ וואָס פאַרמאָגט כאָטש עפּעס וואָס געמיינזאַמס מיט אונדזער שער. זייער פאָרזיכטיק קאָנענ מיר דאָ צוציִענ די מוזיק פונ די דאָזיקע טענצ צום פאַרגלײַכנ מיט דער שער. די מעלאָדיע פונעם „שאַרער", וואָס איז געבראַכט בּאַ בעהמע, באַציט זיכ צו 1562 יאָר. די „שער־לידער" האָט שיונעמאַנ פאַרשריבנ אינ דער צײַט פונ דער אימפּעריאַליסטישער מילכאָמע. לויטנ געבוי פונ די מעלאָדיעס איז „דער שאַרער" אונ די „שער־לידער" לאַכלוטנ פאַרשיידנ. „דער שאַרער" איז אינ 2/4־קער מאָס (₵) אונ באַשטייט פונ עטלעכע פאַלנ. בּאַ שיונעמאַנענ זײַנענ ביידע לידער אינ 3/8 טאַקט, די מעלאָדיע באַשטייט פונ איינ פאַל (פיר מוזיקאַלישע פראַזעס, אַנטשפּרעכנדיק צו דער פירשורעדיקער סטראָפע פונעם וואָרט־טעקסט).

די ייִדישע שערנ, וואָס זײַנענ אונדז באַקאַנט, זײַנענ פאַרשריבנ אינ די לעצטע יאָרנ. אַסאַכ פונ די דאָזיקע שערנ זײַנענ פונ דעמ קלעזמער־רעפּערטואַר פונ דער צווייטער העלפט 19־טנ י. ה.

געמיינזאַמע שטריכנ האָבנ די מעלאָדיעס פונ די ייִדישע שערנ גראָד מיט דעמ עלטערנ דײַטשישנ „שאַרער" אונ ניט מיט די „שער־לידער". די ייִדישע שער איז אַלעמאָל אינ 2/4־דיקער מאָס, באַשטייט פונ עטלעכע פאַלנ (אַמייִנסטנ פונ צוויי, זעלטענער פונ דרײַ פאַלנ).

ווידעראַמאָל מוזנ מיר אָבער באַטאָנענ, אַז רעדנדיק וועגנ דער ייִדישער שער האָב איכ לעסאַטע פאַר זיכ בלויז אַזעלכע מוסטערנ, וואָס מיר האָבנ פאַרשריבנ אונ אופגעזאַמלט אינ אוקראַיִנע. צי זײַנענ די שערנ ענלעכ — סײַ לויט דער מוזיק אונ סײַ אינעם טאַנצנ אינ אוקראַיִנע אונ אינ פּוילנ, אַשטייגער, אָדער אינ גאַליציע, רומעניע, טשעכאָסלאָוואַקיע א. אַז. וו., צי זײַנענ ניט פאַראַנ קיינ וויכטיקע וואַריִרונגענ אונ ענדערונגענ אינ דעמ אַרט טאַנצנ אָדער אַפילע אינ דעמ מוזיקאַלישנ סטיל [2] אינ פאַרשיידענע געגנטנ אונ

[1]) זע וועגנ דעמ מײַנ אַרבעט: Взаємні впливи в євр. і укр. музичному фольклорі אינעם זשורנאַל „Радянська музика", נומ. 5, ז. 47. קיִעוו, 1936.

[2]) דאָ האָב איכ אינ זינענ ניט קיינ מעלאָדישע וואַריאַנטנ פונ דער אָדער יענער שער, נאָר טאַקע דעמ אייגנטלעכנ סטיל פונ די מעלאָדיעס גופע. די שערנ פונ אוקראַיִנע זײַנענ אינ אַלגעמיינ גאַנצ נאָענט צומ סטיל פונ פריילעכסנ. צי איז דאָס אַנ אָרטיקע אָדער אַנ אַלגעמיינ־טיפּישע דערשײַנונג?

לענדער — אפּ דעם איז איצט אומעגלעך צו ענטפערן. ביז איצט זײַנען קיינע מוסטערן ניט פאַרעפנטלעכט און קיינע ידיעות איז בכלל נאָך ניט אָנגעגעבן צו דער דאָזיקער פראגע (און עס קען אויך זײַן, אז זיי זײַנען נאָך אפילע ניט אופגעזאמלט אויך).

ניט דאָ איז דאָס אָרט ארײַנצולאָזן זיך אין גענויער אויספאָרשונג פון טאנץ „שער". מיר זעען אָבער, אז מע קאָן שוין עפּשער רעדן וועגן א



פּערזאָנען (ארען מוישע כאַלאָדענקאָ) קאָמפּאניע קלעזמער. בערדיטשעוו, 1888.

האשאָרע, אז אָט דעם טאנץ האָבן ייִדן מיט אסאך יאָרהונדערטער צוריק איבערגענומען אין דײַטשלאנד, און אים אין א גרויסער מאָס אסימילירט (יעדנפאלס אין דער מוזיקאלישער טייל זיכער פאַרייִדישט [1]). עס איז אָבער אויך קלאָר, אז ענדגילטיקע און ברייטערע אויספירן וועלן מיר קענען מאכן ערשט דעמלט, ווען מיר וועלן האָבן דעם ייִדישן מאטעריאל וועגן דער שער אופגעזאמלט אין א ריי לענדער.

מיר וועלן ברענגען נאָך איין בײַשפּיל, אשטייגער, אזא טאנץ ווי א „קאזאק" (קאָזאטשקע), וואָס איז געווען (און איז אויך איצט) זייער פאַרשפּרייט צווישן ייִדן אין אוקראַיִנע (און אויך אין פּוילן) [2]. די אוקראַיִנישע אָפּשטאמונג פון דעם דאָזיקן טאנץ איז אויסער ספק. ס'איז אָבער אויך אין דעם פאל וויכטיק אויסצוקלאָרן די פאַרשפּרייטקײַט פון דעם

[1] גענויער באהאנדל איך די דאָזיקע פראגע אין אן ארבעט „ייִדישע פאָלקסטענצ".

[2] ס'איז אינטערעסאנט צו באמערקן, אז אין דער שיינער ליטעראטור און אויך אין די פאָלקסלידער ווערט די קאָזאטשקע אסאך מאָל דערמאנט, אסאך אָפטער ווי די שער. צי זאָל דאָס

דאָזיקן טאנץ צווישן ייִדן אויסער אוקראַיִנע (אין פּוילן), און באזונדערס אינטערעסאנט איז פעסטצושטעלן דאָס אייגנארטיקע, וואָס ייִדן האָבן ארײַנגעטראָגן אין אָט דעם טאנץ. וואָס ס'שײַעך דער מוזיק — זײַנען אזעלכע אייגנארטיקע מאָמענטן צו באמערקן.

עס טרעפט אָבער אויך פאלן, ווען דער נאָמען פון א טאנץ, וואָס באגעגנט זיך בא ייִדן איז ניט קיין ייִדישער, נאָר אן אוקראַיִנישער און דאָך איז דאָ שווער צו באשטימען, צי איז דער דאָזיקער טאנץ איבערגענומען טאקע פון דער אוקראַיִנישער סוויווע. אפּ ייִדישע כאסענעס פלעגן די קלעזמער שפּילן „סקאָטשנעס". לויטן סטיל און כאראקטער זײַנען די סקאָטשנעס קימאט דאָס זעלבע, וואָס פריילעכסן, און אין דער מעלאָדיק פון די סקאָטשנעס זיינען ניט פאראן קיין ספּעציפישע אנדערנאציאָנאלע שטריכן. אין אוקראַיִניש באגעגענען מיר א טאנץ מיטן נאָמען [1] Скочні, доскочні, доскочисті, אויך אין פּויליש באגעגענען מיר אזא טאנץ Skoczek [2]. דעם זעלבן נאָמען (Skočna) טרעפן מיר אין דעם טשעכישן טאנץ־רעפּערטואר [3]. פון דעם, ווי ס'האָבן מיר מיטגעטיילט אסאך קלעזמער, איז די „סקאָטשנע" אין דער ייִדישער סוויווע ניט געווען קיין באזונדער טאנץ. געוויינלעך פלעג מען אזוי אָנרופן א פריילעכס (ריכטיקער א מוזיקאליש ווערק, וואָס איז ענלעך לויט דער פאָרם צו א פריילעכס), וואָס פארמאָגט א געוויסע טעכנישע פאנאנדערארבעטונג. פון דער אוקראַיִנישער אינסטרומענטאלער פאָלקס־מוזיק וואָלט אזוינס ניט מעגלעך געווען איבערצונעמען — אוקראַיִנישע פּראָפעסיאָנאל־געשולטע פאָלקס־מוזיקער איז געווען אָן אן ערעך ווייניקער ווי ייִדישע.

עס טרעפט אָבער אמאָל אויך, אז דער טאנץ האָט א ייִדישן נאָמען און די מעלאָדיע פון דעם טאנץ איז איבערגענומען פון אן אנדער פאָלק. אזוי, אשטייגער, צום קאָשער־טאנץ פלעג מען אלעמאָל שפּילן א פּאָלאָנעז. אסאך קלעזמער, פון וועלכע מיר האָבן פארשריבן דעם דאָזיקן טאנץ, האָבן אין דעם פאל געשפּילט אָגינסקיס פּאָפּולערן פּאָלאָנעז: „Les adieux á la patrie".

די צאָל בײַשפּילן וואָלטן מיר געקאָנט אסאך פארגרעסערן. מיר וואָלטן געקאָנט ווײַזן, אז ניט נאָר באם אופדעקן די וואָרצלען פון דעם ייִדישן טאנץ־רעפּערטואר שטויסן מיר זיך אָן אפּ אסאך שוועריקײַטן, נאָר אויך מיט דעם רעפּערטואר, וואָס איז געשפּילט געוואָרן צום הערן וועט ניט גרינגער זײַן. אונדז דוכט אָבער, אז די געבראכטע בײַשפּילן באווײַזן איבערצײַגנדיק, אז אליין אפּ דעם אָרטיקן מאטעריאל וועלן מיר זייער ווייניק קאָנען אופטאָן,

ניט זײַן דערפאר, וואָס די קאָזאטשקע איז געווען א מענער־טאנץ (אָבער אויך א פרויען־טאנץ), וואָס פלעג געטאנצט ווערן אפּ דער כאסענע גופע, אין דער אָנוועזנהײַט פון אלע געסט? די קאָזאטשקע איז אין גרונט געווען א סאָלאָ־טאנץ און באזונדערע מער באגאבטע טענצער פלעגן זיך דאָ אויסצייכענען.

[1] Професіональні нар. співці й музиканти на Україні. Програма для досліду їх діяльности й побуту. У Київі, з друк. У. А. Н., 1924, стр. 41.

[2] Felix-Straczewski—Die Polnische Tänze. Sammelbände der intern. Musikges. 1901, Heft 4, S. 717.

[3] דאָרטן, ז. 673.

קעדיי אויסצוקלאָרן די היסטאָרישע וואָרצלען פון דער ייִדישער קלעזמערישער פאָלקס־מוזיק.

מיר האָבן שוין אויבן דערמאָנט, אז אין דעם קלעזמערישן רעפּערטואַר טרעפן מיר כוץ טענץ אויך מוזיקאלישע ווערק, וואָס פלעגן אפ כאַסענעס געשפּילט ווערן צום הערן. אשטייגער, באזעצנס, דאָבראַנאָטש, שטיקלעך צום טיש, „זייַ געזונט", אָפּפירן די מעכוטאָנים א. אז. וו. דער

פערעיאַסלעווער קלעזמער (1880)

באגאבטער פאָלקס־קינסטלער, דער טאלאנטפולער קלעזמער האָט דאָ אלעמאָל געפונען דעם וועג צום קונסט־געפיל פונעם צוהערער. און מע דארף זאָגן, אז צווישן די שטעטלדיקע קלעזמער האָבן זיך אלעמאָל געפונען רייַך־טאלאַנטירטע פערזענלעכקייַטן, עמעסע קינסטלער, וועלכע האָבן מיט זייער קונסט געריִרט און געקוויקט די ברייטסטע מאסן. אין דער ליטעראַטור האָבן מיר אסאך באשרייַבונגען פון אזעלכע פאָלקס־קינסטלער. וועגן זיי פלעג דערציילט ווערן אין פאָלקס־מייַסעס און אין לעגענדעס. עס איז גענוג צו דערמאנען זיך מיט וואָסער ליבע פלעג מען רעדן פון אזעלכע פאָלקס־קינסטלער, ווי פעדאָצער (ארן־מוישע כאָלאָדענקאָ), סטעמפּעניו (יאָסעלע דרוקער), אלטער טשודנאָווער (אלטער גויזמאן), מיצי (אווראָם־איצכאָק בערעזאָווסקי) א. אז. וו. „זייַן פידעלע רעדט", „זייַן פידעלע רעדט ווערטער" — דאָס איז א פאָלקס־אויסדרוק, וואָס גיט איבער די באגייַסטערונג פון א גוטן שפּילער.

אָבער ניט בלויז די ייִדישע מאסע האָט אָנערקענט דעם טאלאנטירטן קלעזמער. עס זייַנען פאראן אסאך יעדיִעס וועגן דעם, וויאַזוי ניט ייִדן זייַנען באגייַסטערט געווען פון דעם שפּילן פון ייִדישע קלעזמער.

אזוי, אשטייגער, דערציילט אונדז י. קאָטיק וועגן איינעם א קלעזמער שעפּסל, וואָס איז געשטאנען אין דער שפּיץ פון די קאָברינער קלעזמער [אויעזד־שטאָט אין גראָדנער גובערניע, מיט פון 19־טן י. ה.]. קיין נאָטן האָט שעפּסל ניט געקאָנט. ער איז אָבער געווען אן אויסגעצייכנטער פידלער און האָט געשעמט אין דער גאנצער געגנט.

„דער שעפּסל, — שרייַבט י. קאָטיק, — איז געווען אזוי מעפורסעם, אז עס האָט דערגרייכט זייַן נאָמען ביז פּאסקעוויטשן, דעם פּוילישן נאמעסטניק. יענער האָט געשיקט נאָך אים און שעפּסל האָט געשפּילט אליין מיט זייַן פידל. פּאסקעוויטש איז איבערראשט געוואָרן... אלע אָוונט פלעג ער פארבעטן צו זיך די פּאָרנעמסטע געסט און שעפּסל האָט געשפּילט צום מיטעק באם טיש א צוויי־דריי שאָ... ער האָט אים געגעבן טויזנט רובל מיט א דיפּלאָם, ווו ער האָט געשריבן, אז שעפּסל האָט א געטלעכן מוזיקאלישן טאלאנט, נאָר ער איז ניט געלערנט"... (י. קאָטיק — מייַנע זיכרוינעס, ב. 1, ז"ז 37—38).

אן אנדער פּאָמעשטשיק (סיכאָווסקי, אליין א פּיאניסט) איז געווען אנטציקט פון שעפּסלען מיט זייַן שפּילן און ער האָט געזאָגט, אז זייַן גאנץ לעבן האָט ער ניט געהערט אזוי גוט שפּילן, ווי שעפּסלען (דאָרטן, ז. 233).

און ווען אזא קלעזמער האָט צופעליק געהאט די מעגלעכקייַט זיך צו באַווייַזן מיט זייַן קונסט פאר די בעסטע מוזיקער — אויך דעמלט האָט ער ארויסגערופן באגייַסטערונג פאר זייַנע פייִקייַטן און פאר זייַן קונסט. עס איז גענוג צו דערמאנען דאָ דעם וווּנדערבארן טאלאנט, דעם קלעזמער מיכאָעל יויסעפּ גוזיקאָוו (1809—1837), וואָס האָט מיט זייַן איינפאכער קלעזמערישער פאָלקס־קונסט, אויסגעפירט אפן צימבל, ארויסגערופן באגייַסטערונג און באַוווּנדערונג אין אסאך שטעט פון אייראָפּע, די גרעסטע דעמלט און אָנערקענטע מוזיקאלישע צענטרען. מיכאָעל־יויסעפּ גוזיקאָוו איז געבוירן אין שקלאָוו (מאָליעווער גובערניע) אין א קלעזמערישער פאמיליע, וואָס האָט זייַט הונדערט יאָר ארויסגעגעבן פון זיך גוטע פלייטיסטן. אויך מיכאָעל־יויסעפּ האָט, ווי זייַן פאָטער, זיידע און עלטער־זיידע, געשפּילט אפן פלייט. פרי אָבער האָבן זיך באוויזן בא אים סימפּטאָמען פון דער שווערער קרענק (טובערקוליאָז) און ער האָט געמוזט ווארפן די פלייט. ער האָט זיך גענומען שפּילן אפן צימבל. א פּאָר יאָר האָט ער געשפּילט אפן צימבל. ער האָט פאר זיך אליין קאָנסטרויִרט א צימבל, וואָס איז באשטאנען פון הילצערנע ברעטלעך אויסגעלייגט אפ א שטרויענעם אונטערבעט. דער קלאנג פון אָט דעם צימבל איז געווען זייער א שוואכער, ער האָט אָבער פארכאפּט דעם צוהערער מיט זייַן ווייכן און אייַנגענעמענעם טאָן.

וויאַזוי ער האָט אָנגעהויבן ארויסטרעטן אפ קאָנצערטן — וועגן דעם האָבן מיר קיינע יעדיִעס ניט. עס איז באוווּסט, אז אין 1832 איז ער ארויסגעטראָטן אפ א קאָנצערט אין קיִעוו און דאָרט האָט אים געהערט דער דעמלט־

בארימטער פידלער ליפינסקי. ליפינסקי איז געווען איבערראשט פון זיינ שפילנ. נאָכ זיינ ארויסטרעטונג אינ אָדעס (דעמ זעלבנ יאָר) האָט מען אימ איינגעאָרדנט א קאָנצערט־טורנע איבער אייראָפּע (ווינ, דייטשלאנד, פראנקרייכ). אומעטום האָט ער געהאט א קאָלאָסאלנ דערפאָלג. פון ברויסעל האָט ער זיכ געלאָזט פאָרנ צוריק קיינ רוסלאנד. אָבער צוריק אהיימ איז ער ניט געקומענ: אינ אכענ איז ער געשטאָרבנ אינ טעאטער, בייסנ קאָנצערט, מיטנ צימבל אינ די הענט.

גוזיקאָוו האָט ניט געקאָנט קיינ נאָטנ. ער האָט דעריקער געשפּילט פונ זיינ קלעזמערישנ רעפּערטואר [1].

דער קאָמפּאָזיטאָר פ. מענדעלסאָנ־באַרטאָלדי, וואָס האָט צוזאמענ מיטנ בארימטנ פידלער דאוויד געהערט גוזיקאָוונ אינ לייפּציג, שרייבט וועגנ אימ אינ א בריוו צו זיינ (מענדלסאָנס) מוטער (18־טער פעווראל, 1836) אזוי:

„איכ בינ נייגעריק צו וויסנ, צי געפעלט אייכ גוזיקאָוו אזוי ווי מיר. ער איז אנ עמעסער פענאָמענ, אנ אנטיק, וואָס שטייט ניט נידעריקער פונ קיינ שום ווירטואָז אינ דער וועלט — ניט לויט זיינ ארט אויספירנ, ניט לויט זיינ רייפקייט. אונ דעריבער האָט ער מיכ מער דערפרייט מיט זיינ [שפּילנ אפ דעמ] האָלצ־ אונ שטרוי־אינסטרומענט איידער אסאכ אנדערע מיט זייערע פאָרטעפּיאנעס, כאָטש ער [זיינ אינסטרומענט] איז אנ אומדאנקבארער... יעדנפאלס האָב איכ שוינ א לאנגע צייט ניט געהאט אזויפיל פארגעניגנ אפ א קאָנצערט, ווי אפ דעמ דאָזיקנ, וויילער [גוזיקאָוו] איז בעפיירעש אנ עמעסער געני“. [2]

די דאָזיקע אָפּשאצונג באציט זיכ ניט נאָר צו מיכאָעל־יוסעפ גוזיקאָוונ דעמ וווּנדערבארנ צימבלער, וועלכנ ס'האָבנ געהערט אונ באוווּנדערט די בעסטע מוזיקער פונ זיינ צייט — די דאָזיקע אָפּשאצונג באציט זיכ אינ א גרויסער מאָס אויכ צו יענע צענדליקער גוזיקאָווס, וואָס זיינענ פארבליבנ אינ די קליינע שטעטעלעכ אונ האָבנ געפריידט אונ געקוויקט מיט זייער קונסט בלויז די יידישע פאָלקס־מאסנ אונ וועגנ וועלכע עס זיינענ אפילע קיינע יעדיעס אונ שפּורנ ניט פארבליבנ.

מיר טאָרנ אָבער ניט מיינענ, אז זאמלענדיק יעדיעס וועגנ קלעזמער מוזנ מיר זיכ אינטערעסירנ בלויז מיט די טאלאנטפולסטע אונ אז די געוויינלעכע קלעזמער פארדינענ ניט אונדזער אופמערקזאמקייט. דאָס וואָלט געווענ ניט ריכטיק. די באזונדערס טאלאנטפולע קלעזמער זיינענ אויסגעוואקסנ אינ דער

[1] וועגנ גוזיקאָוונ איז פאראנ א היפּשע ליטעראטור. זע אשטייגער, Schlesinger — Über Gusikow, 1836, ווינ; Fetis — Biographie universelle des musiciens זע אויכ די מוזיקאלישע ווערטערביכער אונ ענציקלאָפּעדיעס פונ רימאנ, מענדעל א. א.

[2] „Ich bin neugierig, ob Euch Gusikow auch so gefallen hat wie mir. Er ist ein wahres Phänomen, ein Mordskerl, der am Vortrag und Fertigkeit keinem Virtuosen der Welt nachzustehen braucht, und mich deshalb auf seinem Holz- und Strohinstrument mehr ergötzt, als viele auf ihren Pianoforte, eben weils undankbarer ist... Übrigens habe ich mich seit langer Zeit in einem Konzert nicht so unterhalten, wie in diesem, weil er eben ein wahres Genie ist“.
ציטירט לויט וואָלפּס Briefe aus den Jahren 1831 — 1847 von Felix Mendelssohn-Bartholdy.
אויבנדערמאנטער ארבעט „Fahrende Leute bei den Juden“. s. 156.

קלעזמער־מאסע, זיי האָבנ איינגעזאפּט אינ זיכ דאָס בעסטע אונ דאָס שענסטע פונ דער קלעזמערישער מוזיק. שטודירנדיק די קלעזמער־מאסע אונ די קלעזמערישע מוזיק אינגאנצנ גענומענ וועלנ מיר מעמיילע פולער ארויסהייבנ די בעסטע אונ אינטערעסאנטסטע פאָלקס־קינסטלער אונ די מוזיקאלישע ווערק.

אויב וועגנ די עלטערע יידישע קלעזמער אינ די לענדער פונ מיירעוו־אייראָפּע איז שוינ פאראנ א געוויסע ליטעראטור, איז וועגנ די יידישע קלעזמער אינעמ געוועזענעמ רוסלאנד (דערינ אויכ פּוילנ אונ ליטע) ביז איצט קימאט ווי גאָרניט באוווּסט. שפּאָט ווייניק מאטעריאלנ זיינענ פאראנ וועגנ די קלעזמערישע קאָמפּאניעס, וועגנ באזונדערע באגאבטע קלעזמער א. ד. גל. עס איז אויכ זייער ווייניק אופגעזאמלט געוואָרנ די מוזיקאלישע ווערק פונעמ קלעזמערישנ רעפּערטואר.



מאקאראָווער קלעזמער (נייַנציקער יאָרנ 19־טער יאָרה.)

אינ דאָס אלצ איז אינ דער צייט, ווענ עס איז אינ רוסלאנד קימאט ניט געווענ קיינ איינ גרעסער שטעטל, ווו ס'זאָל ניט זיינ קיינ קלעזמער, אונ אינ אזעלכע שטעט ווי בערדיטשעוו, אשטייגער, איז געווענ אינ דער צווייטער העלפט 19־טנ י. ה. אריבער 50 קלעזמער (דריי גרעסערע קאָמפּאניעס — פעדאָצערס, סטעמפּעניוס, מוישע־אבעס אונ עטלעכע קלענערע). צו דער צווייטער העלפט פאָריקנ י. ה. איז אינ אוקראינע אליינ געווענ א פאָר טויזנט קלעזמער אונ צווישנ זיי ניט איינ צענדליק ביז גאָר באגאבטע קינסטלער, סיי אויספירער אונ סיי קאָמפּאָזיטערנ.

שוין א לאנגע צייט, אז מיר האָבן אָנגעהויבן מער־ווייניק סיסטעמאטיש צו זאמלען קלעזמערישע ווערק, פארשיידענע יעדיעס, דאָקומענטן א. ד. גל. וועגן קלעזמער.

בא היינטיקן טאָג פארמאָגט די פאָלקלאָר־סעקציע פונעם קאבינעט פאר יידישער ליטעראטור, שפראך און פאָלקלאָר בא דער וויסנשאפט־אקאדעמיע פון אוסער בא 600 קלעזמערישע ווערק (קאָנצערטן, מארשלעך, דאָברידענס, דאָבראנאָטשס, טענץ א. אז. וו.) אמיינסטן פארשריבן פון קלעזמער פון אוקראינע. מיר האָבן אויך צונויפגעזאמלט יעדיעס וועגן באזונדערע קלעזמער און קלעזמערישע קאָמפּאניעס, פאָטאָגראפיעס פון באזונדערע קלעזמער און פון קלעזמערישע קאָמפּאניעס א. אז. וו. איצט טרעטן מיר צו צוצוגרייטן צום דרוק א גרעסערע ארבעט וועגן דער יידישער אינסטרומענטאלער פאָלקס־מוזיק, און פארעפנטלעכן די בעסערע מוסטערן פונעם קלעזמערישן רעפּערטואר. די ביז איצט אָנגעזאמלטע מאטעריאלן זיינען אָבער ניט גענוג פאר א גרעסערער ארבעט און מיר נעמען איצט פאָר א מער אינטענסיווע זאמל־ארבעט אפ דעם געביט. עס איז דאָך אָבער קלאָר, אז בלויז די קליינע צאָל מיטארבעטער פון אונדזער פאָלקלאָר־סעקציע (אינגאנצן צוויי מענטשן), וועלן ניט אימשטאנד זיין דורכצופירן ווי געהעריק די זאמל־ארבעט אפ דעם געביט (פונקט אזוי ווי אפ די אלע איבעריקע געביטן פון דער יידישער פאָלקס־שאפונג). אָן דער אקטיווער הילף פון א גרעסערער צאָל קאָרעספּאָנדענטן און ליבהאָבער פון דער יידישער פאָלקס־קונסט וועלן מיר מיט אונדזערע באשיידענע קויכעס זייער ווייניק אופטאָן.

יעדער לערער, יעדער פארוואלטער פון ביבליאָטעק און קלוב, יעדער קולטור־טוער אין שטאָט און אין קאָלווירט, יעדער ארבעטער און קאָלווירטניק קאָן דאָ אסאך נוצן ברענגען. פארשרייבן דאָס, וואָס איר געדענקט וועגן קלעזמער, וועגן טענץ, וואָס מע פלעגט טאנצן אפ יידישע כאסענעס און סימכעס, אויספרעגן עלטערע מענטשן און פארשרייבן זייערע יעדיעס אפ דעם געביט, אויספרעגן די אָרטיקע קלעזמער, מיטהעלפן אונדז אויסגעפינען די קלעזמער און זיך פארבינדן מיט זיי, קעדיי צו פארשרייבן פון זיי די מוזיקאלישע ווערק פון זייער רעפּערטואר — דאָס איז פארהעלטנסמעסיק ניט קיין שווערע ארבעט, וואָס יעדערער קאָן דאָס גרינג אָפּטאָן. פון יעדער באזונדער מיטיילונג, פון יעדער איינציקער נייער יעדיע, וואָס מיר וועלן באקומען פון א גרעסערער צאָל קאָרעספּאָנדענטן וועלן מיר אָבער אינגאנצן געווינען א גרויסן מאטעריאל.

באזונדערס אקטיוו קאָנען זיך באטייליקן אין דער דאָזיקער ארבעט די שול און די זעלבסטעטיקע קרייזן (כאָרן, אָרקעסטערס, דראמקרייזן א. ד. גל.). אין די עלטערע קלאסן פון די שולן האָבן מיר געטראָפן אסאך קינדער, וואָס ווייזן ארויס א גרויסן אינטערעס צו דער פאָלקס־קונסט. אין אסאך שולן האָבן זיך געגרינדעט פאָלקלאָר־קרייזן פון קינדער (אונטער דער אָנפירונג פון א לערער). אזעלכע קרייזן האָבן אונדז ביז איצט צוגעשיקט זייער פיל ווערטפולע מאטעריאלן, וואָס זיי האָבן געזאמלט. עס איז ניט שווער, אז אזא פאָלקלאָר־קרייזל זאָל אויסטיילן א באזונדער גרופּע קינדער, וואָס זאָל אופזאמלען יעדיעס וועגן די אָרטיקע קלעזמער, אויספרעגן און פארשרייבן פון דער מוטער, באבע, א. ד. גל. וועגן דעם טאנצ־רעפּערטואר אפ יידישע כאסענעס, אליינס טאקע אויסלערנען די פּאָפּולערסטע טענץ (שער, פריילעכס א. אז. וו.) און באשרייבן וויאזוי זיי ווערן געטאנצט. באם פארשרייבן די מעלאָדיעס פון די טענץ קאָנען דאָ קומען צו הילף די אָרטיקע מוזיקאלישע טוער, דער קלעזמער אליין, דער לערער פון מוזיק א. ד. גל.

ראדאָמיסלער קלעזמער (נײַנציקער יאָרן 19 יאָרה.)

ס'איז אָבער געוווּנטשן, אז די יעדיעס און מאטעריאלן, וואָס ווערן געזאמלט וועגן די קלעזמער און וועגן דער קלעזמערישער מוזיק, זאָלן זיין סיסטעמאטיזירט, זאָלן ווי ווייט מעגלעך רייכער און אלזייטיקער באלויכטן די דאָזיקע וויכטיקע און שיינע צווייג פון דער יידישער פאָלקס־קונסט. צו דעם צוועק ברענגען מיר דאָ א ספּעציעלן פראגע־בויגן (פּראָגראם), לויט וועלכן די יעדיעס ווערן געזאמלט. די פּראָגראם איז איינגעטיילט אין פיר קאפּיטלעך: 1. דער קלעזמער, 2. קאָמפּאניע קלעזמער, 3. קלעזמערישער רעפּערטואר און טענץ און 4. מוזיקער־ליבהאָבער.

אין דעם ערשטן קאפּיטל שטרעבן מיר צו באקומען די נייטיקע יעדיעס וועגן דעם באזונדערן קלעזמער, אין דער ערשטער ריי וועגן דעם מער טאלאנטפולן קלעזמער. ס'איז אָבער וויכטיק אויך צו זאמלען יעדיעס וועגן איינציקע דורכשניטלעכע קלעזמער, קעדיי, אזויארום, קאָנען געבן א ריכטיק בילד וועגן דעם טיפּ מאסן־קלעזמער. א באזונדער אופמערקזאמקייט פארדינען די

אלטע קלעזמערישע פאמיליעס. דער זאמלער דארף ווי ווײַט מעגלעך פולער באשרײַבן אזעלכע מישפּאָכעס, דערגרונטעוועט זיך ביז די עלטסטע פאָרשטייער פון אזא פאמיליע, און דערפירן די באשרײַבונג ביזן לעצטן דאָר.

דאָס צווייטע קאפיטל איז געווידמעט דער קלעזמערישער קאָמפּאניע. דאָ איז וויכטיק צו באלויכטן דעם קינסטלערישן ניוואָ פון דער געגעבענער קאָמפּאניע. דאָס דאָזיקע איז אָבער באדינגט פון די באזונדערע קלעזמער, וואָס בילדן אויס די קאָמפּאניע. 1—2 באגאבטע קלעזמער גיבן איר צו א גלאנץ. דאָ דארף מען געדענקען, אז די אײַנטיילונג פון דער פּראָגראם אין באזונדערע קאפיטלעך איז באדינגלעך און אלע יעדיעס פון אלע קאפיטלעך וועלן ערשט אין דער סומע געבן א ריכטיק און אלזײַטיק בילד וועגן דער טעטיקײַט פון די קלעזמער. מיר האָבן דאָ אויך געשטרעבט אויסצוקלאָרן די צווישנבאציִונגען פון די קלעזמער אין קאָלעקטיוו (קאָמפּאניע) און זייער אָרט אין דער געזעלשאפט.

אינעם דריטן קאפיטל האָבן מיר געשטרעבט אויסצוקלאָרן דעם קלעזמערישן רעפּערטואר. דאָ איז געוווּנטשן, אז דער אויספרעגער זאָל זיך באמיִען צו געבן דעם רעפּערטואר היסטאָריש. עס איז ווייניק צו פארשרײַבן וואָס מע האָט געשפּילט, נאָר עס איז נויטיק אופצודעקן דעם אנטוויקלונגס־גאנג פונעם רעפּערטואר. די קלעזמער פון די 70—90־קער יאָרן געדענקען נאָך ווי מע פלעג שפּילן „טאקסים" (א מין פרײַע אימפּראָוויזאציע־פאָרם, וואָס פארמאָגט אסאך גאמעסארטיקע און אנדערע פאסאזשן, מיט וועלכע עס ווערט באפוצט די הויפּט־טעמע פונעם ווערק. נאָך אזא אימפּראָוויזאציע גייט אלע מאָל א פריילעכס אין 2/4 מאָס). די יינגערע קלעזמער ווייסן שוין אפילע ניט וואָס באטײַט „טאקסים". אָנשטאָט דעם טאקסים פלעג פון אָנהויב 20־טן י. ה. אָן אמאָל געשפּילט ווערן די „דאָינע", און כוץ דעם פידלער פלעגן אמאָל שפּילן סאָלאָ באם טיש אויך קלארנעט אָדער פלייט.

באזונדער איז נויטיק צו באשרײַבן די טענץ, וואָס מע פלעג טאנצן אפ יידישע כאסענעס, אין דער ערשטער ריי איז, פארשטייט זיך, נויטיק צו פארשרײַבן די ספּעציפיש יידישע טענץ ווי, אשטייגער, קאָשער־טאנץ, קאלעטאנץ, שער, פריילעכס א. אז. וו. אלגעמיינע באקאנטע טענץ, ווי אשטייגער, וואלס, לאנסיע, קאדריל א. אז. וו. איז קעדײַ בלויז אויסצורעכענען אָבער ניט באשרײַבן. אין דער ליטעראטור באגעגענען מיר אמאָל נעמען פון טענץ, וועגן וועלכע מיר האָבן קיינע יעדיעס ניט געקאָנט קריגן, כאָטש די דאָזיקע טענץ זײַנען נאָך געטאנצט געוואָרן אין דער צווייטער העלפט פאָריקן יאָרהונדערט. אזוי, אשטייגער, ווערט אין א פאָלקס־ליד (גינזבורג — מארעק נום. 254) דערמאָנט א טאנץ „סעמענע":

געגעבן א פיימע:ע
צוגענומען:
שפּילט א ס ע מ ע נ ע
פאר א מומען. (מאָליוווער גוב. ווילנע, קאָוונער גוב.)

אין אן אנדער פאָלקס־ליד ווערט דער דאָזיקער טאנץ אָנגערופן אי „סעמענע", אי „סעמעלע".

שפּילט מיר א סעמענע
ניט קיין קאָזאצקע,
איך בין אן אָרעמע
אָבער א כוואטסקע.
נאט איַיך א פייעם
שפּילט מיר א סעמעלע,
כאנעלעס כאָסעלע
רופּט מען אוורעמעלע [1].

אביסל מאטעריאלן וועגן דעם דאָזיקן טאנץ איז אָנגעגעבן אין י. ל. קאהאנס ארטיקל „צום אופקום פון יידישן טאנץ־ליד" (ייוואָ־בלעטער, 1931, ב. 1, נום. 1, ז. 30 א. אז. וו.). דאָרט ווערן דערמאנט אלע פאָלקס־לידער, ווו עס באגעגנט זיך דער טאנץ סעמענע־סעמעלע. כוץ די יידישע מאטעריאלן ברענגט קאהאן אייניקע דײַטשישע פאָלקס־לידער, ווו מיר טרעפן אן ענלעכן טאנץ. דער מאטעריאל איז אָבער צו קליין און ער גיט ניט קיינע מעגלעכקײַטן צו זאָגן עפּעס באשטימטס וועגן דעם דאָזיקן טאנץ. בא דעם מאָמענט קאָן איך אָנרופן נאָך איין ליד, ווו מיר טרעפן דעם דאָזיקן טאנץ. דאָס איז צונזערס ליד „פון כיידער זאָגט מען ניט אויס", ווו מיר האָבן אזא סטראָפע:

ווײַבערלעך, פאטשט! איר האָט נאכעס דערלעבט,
ביידע מעכעטענעסטעס א ש ע מ ע ל ע טאנצן [2].

דאָס דאָזיקע ליד האָט פאר אונדז גראָד א גרויסן ווערט. ערשטנס, קאָנען מיר פון דעם מעשאיער זײַן, אז דער טאנץ סעמענע־סעמעלע־שעמעלע איז געווען א סאָלאָ־טאנץ (ביידע מעכעטענעסטעס), און צווייטנס, אז אין די 70—80־קער יאָרן פונעם פאָריקן יאָרהונדערט איז ער געווען דורכויס באקאנט (יעדנפאלס אין ווילנער געגנט). אינעם פאָלקס־ליד האָט דער נאָמען פונעם טאנץ געקאָנט בלײַבן אסאך שפּעטער פון דעם, ווען דער טאנץ אליין איז פארגעסן געוואָרן, אָבער צונזער, וואָס האָט זײַנע לידער געזונגען פאר די כאסענע־געסט, וואָלט זיכער ניט גענוצט קיין נעמען פון לאנג־פארגעסענע טענץ. פון דעם איז קלאָר, אז בא געוויסער אָנשטרענגונג קאָן מען נאָך אויסגעפינען יענע לעבעדיקע מענטשן, וואָס האָבן אליין געטאנצט דעם דאָזיקן טאנץ אָדער לעכאָלהאפּאָכעס געדענקען וויאזוי מע פלעגט אים טאנצן. אויך בא אלטע קלעזמער פון די געהעריקע קאנטן קאָן מען זיך דערוויסן וועגן דעם דאָזיקן טאנץ און פארשרײַבן די מעלאָדיע.

מיסטאָמע איז עס ניט דער אייציקער טאנץ, וואָס איז פארגעסן געוואָרן. ס'איז אָבער קעדײַ אופשטעלן ווי ווײַט מעגלעך אלץ, וואָס באציט זיך, זאָל זײַן כאָטש צו דער צווייטער העלפט פונעם 19־טן י. ה., און דאָס איז נאָך ניט אזוי שווער צו דערגרייכן.

יידישע קלעזמער פלעגן אָפטמאָל שפּילן אפ ניט־יידישע כאסענעס, סימכעס, פארווײַלונגען א. ד. גל. דאָ איז אינטערעסאנט פעסטצושטעלן, צי פלעגן

[1] י. ל. קאהאן. נײַע פאָלקס־לידער, נום. 106.
[2] שירי עם — דרײַ נײַע לידער צום זינגען מיט מעלאָדיען... פון עליאָקום באדכן פון ווילנע. ווילנע, 1895, ז. 30.

ניט־ייִדן אמאָל איבערנעמענ ייִדישע טענצ. אונדז זײַנען באוווּסט פאלן, ווענ אוקראַינישע פויערים האָבנ איבערגענומענ ייִדישע פריילעכסנ און שערנ [1]. אויכ אינ מאָלדאוויע איז צווישנ דער ניט־ייִדישער דאָרפישער באפעלקערונג פארשפרייט די שער (די מאָלדאווער רופנ זי שײַער). צו דער דאָזיקער פראגע איז אָבער נויטיק אופצוזאמלענ א גרעסערנ מאטעריאל, קעדיי עס זאָל קלאָר זײַנ ווי ווײַט ס׳איז פארשפרייט געווענ די דאָזיקע דערשײַנונג.


ייִסראָעל מוישע ראבינאָוויטש (א פידלער) (1807 — 1900)

אמאָל פלעגנ אפ ייִדישע כאסענעס שפילנ אויכ ניט־ייִדישע קלעזמער. אזוי, אשטייגער, דערציילט אונדז מענדעלע מויכער־ספאָרים, אז אפ כאסענעס אינ קאפוליע (ווײַסרוסלאנד) פלעג אינ די וואָכעדיקע טעג שפילנ דער ייִדישער קלעזמער פײַטל און קאָנדראט פלעג שפילנ שאבעס בא דער קאלע אפ דעם פאָרשפיל (שלוימע רעב כאיִמס). ס׳איז וויכטיק אויסצוקלאָרנ בא יענע, וואָס געדענקענ אזעלכע כאסענעס, ווו ניט־ייִדישע קלעזמער האָבנ געשפילט, ווענג דעם רעפערטואר, וואָס די ניט־ייִדישע קלעזמער פלעגנ שפילנ, און באזונדערס וועגנ די ספעציפיש־ייִדישע ווערק פונ זייער רעפערטואר.

ניט־ייִדישע קלעזמער פלעגנ אמאָל אויכ קומענ שפילנ צו די אָרטיקע ייִדישע אײַנוווינער אינ פארשיידענע יאָנטויווים. אויכ דאָ איז קעדײַ פעסטצושטעלנ, וואָסערע זאכנ פלעגנ די דאָזיקע קלעזמער שפילנ אינ אזוינע פאלנ.

ס׳איז איבעריק צו דערמאָנענ וועגנ דער וויכטיקײַט צונויפצוזאמלענ פאָטאָגראפישע בילדער פונ באזונדערע טאלאנטירטע קלעזמער און פונ קלעזמערישע קאָמפאניעס, אלטע נאָטנ פונ קלעזמערישע ווערק א. ד. גל.

אינ די זאמלונגענ פונ ייִדישע שפריכווערטער, וואָס זײַנען ביז איצט פארעפנטלעכט (בערנשטײַנ, באסטאָמסקי א. א.) טרעפנ מיר א געוויסע צאָל שפריכווערטער וועגנ קלעזמער און קלעזמערישנ שטייגער. די צאָל פונ די דאָזיקע שפריכווערטער איז אָבער זייער קליינ (סאכאקל בא א 12—15 נומערנ). מע דארפ רעכענענ, אז מע קאָנ נאָכ אויכ איצטער פארצייכענענ נײַע, ביז איצט ניט באקאנטע שפריכווערטער אפ דער דאָזיקער טעמע. ס׳וואָלט בעפיירעש קעדײַ געווענ זיכ נאָכפרעגנ אפ דעם, ווײַל אָפטמאָל גיבנ אָט די קורצע אָבער

[1]) זע וועגנ דעם מײַנ אויבנדערמאָנטע ארבעט אינעם זשורנאל „ראדיאנסקאיא מוזיקא“, נומ. 5.

טרעפלעכע אויסדרוקנ אינטערעסאנטע שטריכנ פונעם קלעזמער, פונ דעם קלעזמערישנ לעבנ־שטייגער [1]).

באם צונויפשטעלנ די דאָזיקע פראָגראם האָב איכ זיכ אינ גרונט באנוצט מיט די מאטעריאלנ, וואָס געפינענ זיכ אינ אונדזער סעקציע. אונדזערע ייִדיעס און מאטעריאלנ זײַנען געזאמלט דעריקער פונ קלעזמערן פונ אוקראַינע. מיר האָבנ אָבער דאָ אינ א געוויסער מאָס אויסגענוצט אויכ יענע געדרוקטע קוועלנ, וואָס האָבנ ניט קיינ דירעקטע שײַכעס צו אוקראַינע.

מיר ווילנ האָפנ, אז די דאָזיקע ארבעט וועט פארינטערעסירנ אויכ די כאווירים פונ אנדערע רעפובליקנ בא אונדז אינ סאָוועט־פארבאנד און באזונדערס אינ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט. דאָרט קאָנ אפ דעם געביט (פונקט אזוי ווי באם צונויפזאמלענ אנדערע פאָלקלאָר־מאטעריאלנ) אָפגעטונ ווערנ זייער און זייער פיל. דער זאמלער וועט אינ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט טרעפנ אינ אסאכ ערטער, שטעט, ייִשווּוים אײַנגעוואנדערטע פונ אלע רעפובליקנ פונ אונדזער פארבאנד און אויכ אײַנגעוואנדערטע פונ אויסלאנד. מיט אזא ארבעט וואָלט קעדיי געווענ, אז מע זאָל זיכ פארינטערעסירנ אינ אויסלאנד (פוילנ, ליטע, רומעניע, טשעכאָ־סלאָוואקיע, גאליציע א. אז. וו.). זייער פיל קאָנ מענ אפ דעם געביט אופטאָנ אינ אמעריקע, ווו עס זײַנען פאראנ אײַנגעוואנדערטע פונ אסאכ לענדער פונ מיזרעװ־אייראָפע.

אונדזער פראָגראם באשטייט פונ בערעכ א 100 פראגנ. מע דארפ זיכ אָבער ניט באגיינ מיט דער דאָזיקער פראָגראם ווי מיט א געוויינלעכנ אנקעטע־בויגנ, ווו עס איז גענוג צו ענטפערנ „יאָ“ אָדער „ניינ“. די אופגאבע פונעם זאמלער איז וואָס מער יעדיִעס ארויסצוקריגנ פונעם אויסגעפרעגטנ און קורצ, אָבער קלאָר זיי פארשרײַבנ. אונדזערע פראגעס דארפנ זײַנ ניט מער ווי אָנשפאר־פונקטנ פאר דעם זאמלער און זיי דארפנ אימ דערמאָנענ אפ וואָס צו ווענדנ די אופמערקזאמקײַט באם אויספרעגנ עמעצנ.

אינ דער פראָגראם זײַנען פאראנ אזעלכע פראגעס, וואָס זײַנען געווענדעט צום פאכמאנ־מוזיקער. אויב דער זאמלער האָט ניט די געהעריקע מוזיקאלישע צוגרייטונג, איז געווונטשנ, אז ער זאָל זיי איבערלייענענ צוזאמענ מיט דעם מוזיקער, וועלכנ ער פרעגט אויס און פארשרײַבנ די ענטפערנ, וואָס יענער גיט אימ איבער. ס׳איז קלאָר, אז אמבעסטנ וועט זײַנ, ווענ אליינ דער מוזיקער וועט ענטפערנ אפ די דאָזיקע פראגעס.

[1]) אָט זײַנענ, אשטייגער, אייניקע שפריכווערטער וועגנ קלעזמער:
1. וואָס פאר א קלעזמער אזא כאסענע.
2. אז מע ציילט ספירע קומט אפ די קלעזמער א פגירע.
3. נויסענ בעצימבל הוילעכ בעטענצל.
4. אז צוויי קאפצאָנעמ גייענ טאנצנ — צערײַסנ זיכ בא די קלעזמער די סטרונעס (ווײַל זיי, ווענ ניט האָבנ צו באצאָלנ, זוכנ די קלעזמער אויס אלערליי טערוצים).
5. א לעווײַע אָנ געוויינ, איז ווי א כאסענע אָנ קלעזמער.
6. א באדכנ מאכט די גאנצע שטוב פריילעכ און אליינ האָט ער אינדערהיימ צאָרעס (אָדער: און אליינ ליגט ער אינ דער ערד).
7. דרײַ מענטשנ אפ דער וועלט זינגענ פאר צאָרעס: א כאזנ, א בעטלער און א מארשעלעק.

באַזונדער האָבן מיר געפֿינען פֿאַר נויטיק אין דער פּראָגראַם אויסטיילן אַ קאַפּיטעלע וועגן מוזיקער־ליבהאָבער. קלעזמער זײַנען געווען די פּראָפֿעסיאָנאַלן־מוזיקער, וואָס פֿלעגן אַמיינסטן שפּילן בלויז אויף כאַסענעס, זעלטענער בײַ אַנדערע געלעגנהײַטן. בײַ די ברייטע ייִדישע מאַסן איז אָבער געווען אַ שטאַרקער דראַנג צו מוזיק, עס האָט זיך געוואָלט אָפֿטער הערן מוזיק און אַליין טאַקע מוזיצירן אויך. מוזיקער־ליבהאָבער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט שפּילן אויף אַן אינסטרומענט ניט כּדי צו ווערן פּראָפֿעסיאָנעלע קלעזמער, נאָר מחמת אינטערעס צום שפּילן, צו מוזיק בכלל — אַזעלכע ליבהאָבער זײַנען געווען אַ גאַנץ אָפֿטע דערשײַנונג אינעם ייִדישן שטייגער.

„ווילט איר וויסן, וויפֿל מאַנסלײַט עס געהערט צו אַ שטוב? קוקט אויף די ווענט! וויפֿל עס הענגען פֿידעלעך, אַזויפֿיל מאַנסלײַט!" (פּרעץ — אַ גילגול פֿון אַ ניגון).


וואָלף טשערניאַווסקי (1841 — 1930) פֿידלער, יאָסעלע דרוקערס (סטעמפּעניוס) אַן אייניקל. האָט אָנגעפֿירט מיט סטעמפּעניוס אָרקעסטער.

ס'איז כּדאַי אויפֿזאַמלען אַ געוויסן מאַטעריאַל, וואָס באַלויכט גענויער די דאָזיקע דערשײַנונג. דאָ איז וויכטיק אויסצוקלאָרן, ווי גרויס איז געווען די צאָל ליבהאָבער־מוזיקער אין די שטעטלעך, דערפֿער און אַנדערע ייִשובֿים, אויף וואָסערע אינסטרומענטן האָבן זיי געוויינלעך געשפּילט, פֿון וואָסערע ווערק איז באַשטאַנען זייער רעפּערטואַר, בײַ וועמען האָבן זיי זיך אויסגעלערנט שפּילן, צי פֿלעגן זיי שפּילן פֿון נאָטן אָדער לויטן געהער, וואָסערע סאָציאַלע שיכטן און גרופּעס האָבן אָפֿטער זיך געלערנט שפּילן א. אז. וו.

מע דאַרף געדענקען, אַז בעסער איז באַאַרבעטן גרונטלעך איין טייל פֿון דער פּראָגראַם און פֿאַרשרײַבן אַלץ, וואָס איז שײַך צו דער דאָזיקער טייל, איידער אויבערפֿלעכלעך ענטפֿערן אויף אַלע פֿראַגעס.

די קלענסטע אַרבעט, וואָס יעדער איינציקער זאַמלער טוט אָפּ אויף דעם געביט ווערט פֿאַר אונדז האָבן אַ גרויסן ווערט. די סומע פֿון אַזעלכע קלענערע זאַמלונגען, וואָס באַקומט זיך אין רעזולטאַט פֿון דער אַרבעט פֿון אַ גרעסערער צאָל זאַמלער איז אַ באַדײַטנדיקע. פֿאַר דער געשיכטע פֿון דער פֿאָלקסקונסט און פֿאַר דער וויסנשאַפֿט און מעמיילע אויך פֿאַר די ברייטסטע מאַסן ווערט דאָס זײַן נוצלעך.

פּראָגראַם

1. דער קלעזמער

1. פֿאַמיליע, נאָמען.
2. עלטער.
3. וווינאָרט (איצט).
4. ווו געוווינט (פֿריִער).
5. אויף וואָסער אינסטרומענט שפּילט איר (האָט געשפּילט).
6. ווי לאַנג פֿאַרנעמט איר זיך מיט מוזיק?
7. צי זײַנען אײַערע עלטערן אָדער קרובֿים (פֿאָטער, זיידע, ברידער א. אז. וו.) געווען קלעזמער. אויב יאָ — פֿאַרשרײַבט גענויערע ידיעות וועגן זיי.
8. בײַ וועמען און צו וויפֿל יאָר האָט איר זיך אָנגעהויבן לערנען שפּילן?
9. וויאַזוי האָט איר זיך געלערנט:

   א) סיסטעמאַטיש, לויט אַ שול (פֿון געדרוקטע נאָטן—אַוטאָר?) אָדער פֿון געשריבענע „לעקציעס"? צי האָט איר געשפּילט ספּעציעלע גענייטונגען, עטיודן, פּיעסעס, קאָנצערטן א. ד. גל. רופֿט אָן אייניקע פֿון זיי.

   ב) זיך אויסגעלערנט שפּילן פֿון זיך אַליין, פֿונעם פֿאָטער, ברודער כאַווער א. אז. וו., לויטן געהער.
10. ווו האָט איר געקראָגן אַן אינסטרומענט ווען איר האָט זיך אָנגעהויבן לערנען שפּילן? צי האָט מען אין די שטעטלעך פֿאַרקויפֿט אינסטרומענטן? ווער? וואָסערע?
11. ווען האָט איר אָנגעהויבן שפּילן מיט אַ קאָמפּאַניע? אַלס פּראַקטיקאַנט אָדער פֿאַר געצאָלטס?
12. צי איז מוזיק געווען אײַער גרונט־ אָדער בײַ־פּראָפֿעסיע? מיט וואָס האָט איר זיך באַשעפֿטיקט כוץ מוזיק?
13. וואָס פֿאַר אַ כיילעק פֿלעגט איר באַקומען אין דער קאָמפּאַניע? אויב איר זײַנט געווען אויף סכירעס — וויפֿל פֿלעגט איר באַקומען פֿאַר אַ סעזאָן (זמאַן) אָדער פֿאַר אַ יאָר?
14. צי האָט איר אַליין געשאַפֿן אייגענע זאַכן (קאָנצערטן, טענץ א. אז. וו.)?
15. פֿון וועמען פֿלעגט איר אויסלערנען (אָדער איבערשרײַבן די נאָטן) אײַער רעפּערטואַר? ווי אָפֿט פֿלעגט איר אויסלערנען (אָדער אײַנפֿירן) נײַע ווערק?
16. צי האָט איר געגעבן לעקציעס אויף אײַער אינסטרומענט?

17. ווער פלעגט זיך בא אײַך לערנען שפּילן?
18. צי האָט איר געוווּסט דעם קלעזמער־לאָשן?
19. צי פאַרנעמען זיך אײַערע קינדער מיט מוזיק?

2. קאָמפּאַניע קלעזמער

1. וויאַזוי פלעגט מען בא אײַך זאָגן: קאָמפּאַניע, קאַפּעלע, אָרקעסטער, קלעז־מער א. אז. וו.?
2. וויפל קאָמפּאַניעס זײַנען געווען אין אײַער שטאָט, שטעטל, יִישעוו? פון וויפל קלעזמער איז באַשטאַנען די קאָמפּאַניע? וואָסערע אינסטרו־מענטן?
3. וויאַזוי האָט זיך געשאַפן אײַער קאָמפּאַניע קלעזמער? פון ווען אָן האָט זי עקזיסטירט?
4. ראַיאָן, ווו די דאָזיקע קאָמפּאַניע פלעג געוויינלעך שפּילן.
5. צי פלעג טרעפן פאַלן, ווען א קאָמפּאַניע קלעזמער האָט אָנגענומען כאַסע־נעס ניט אין איר ראַיאָן?
6. וויאַזוי פלעגט אָפּ דעם רעאַגירן די קאָמפּאַניע, וואָס האָט געוויינלעך גע־שפּילט (געהאַט כאַזאָקע) אין דעם ראַיאָן?
7. צי פלעג די אָנגעקומענע קאָמפּאַניע קלעזמער געבן אָפּטרעט־געלט (אָדער כיילעק) דער אָרטיקער?
8. צי איז מעגלעך געווען, אַז אין א שטעטל, ווו עס איז פאַראַן א שטענ־דיקע קאָמפּאַניע קלעזמער, זאָל זיך אָרגאַניזירן א צווייטע קאָמ־פּאַניע?
9. צי האָט די קאָמפּאַניע קלעזמער געדאַרפט האָבן פון עמעצן א דערלויבעניש צו שפּילן (פון קאָהאָל, פונעם ראָוו, פּאָליציִע א. ד. גל.)?
10. ווער פלעג באַשטימען די פראַגע וועגן אָננעמען נײַע קלעזמער אין א קאָמפּאַניע?
11. צי פלעג מען אויספּרוּוון יונגע קלעזמער, וואָס קומען אָן אין דער קאָמ־פּאַניע? וואָס פלעג מען שפּילן אָפּ פּראָבע?
12. צי האָט א יונגער קלעזמער, וואָס קומט אָן אין קאָמפּאַניע געדאַרפט מע־כאַבעד זײַן די קלעזמער?
13. צי פלעג דער נײַאָנגענומענער גלײַך אָנהויבן באַקומען געצאָלטס, אָדער ער פלעג א צײַט פּראַקטיקירן אָן געלט? ווי לאַנג?
14. צי פלעגן קינדער שפּילן אָפּ כאַסענעס אין דער קאָמפּאַניע?
15. צי פלעגן ניט־קלעזמער אָפּגעבן זייערע קינדער אין קלעזמערישע קאָמ־פּאַניעס?
16. וויאַזוי פלעגן די אײַנטיילנעמער פון דער קאָמפּאַניע באַלוינט ווערן, לויט כאַלאָקים אָדער דורך געצאָלטס? ווי גרויס איז געווען דער כיילעק פון יעדן קלעזמער, אויב דורך געצאָלטס — וויפל פלעג א קלעזמער באַ־קומען (פאַרן זמאַן, כוידעש)?

17. צום טיש פלעג געוויינלעך שפּילן דער ערשטער פידלער. צי האָבן אַנדערע קלעזמער (קלאַרנעטער, פלייטיסט), אויך געשפּילט אַמאָל סאָלאָ?
18. וואָסערע אינסטרומענטן פלעגן אַקאָמפּאַנירן דעם סאָליסט?
19. וויאַזוי שטעלט מען אָן דעם פידל כוץ דער געוויינלעכער לאַגע בא פאַר־שיידענע קאָנצערטן, וואָס פלעגן געשפּילט ווערן?
20. צי פלעגן קלעזמער (דער פידלער א. אנד.) אַמאָל באַנוצן געוויסע קונצ־שטיק באַם שפּילן (האַלטן די פידל אָפּן רוקן, מיט די סטרונעס אַראָפּ א. ד. גל.)?
21. צי געדענקט איר, אַז אַמאָל פלעג שפּילן א צימבל אין דער קאָמפּאַניע?
22. ווען די קלעזמער האָבן געשפּילט אין גאַס (צו דער כופּע, אָפּפירן די מעכוטאָנים א. ד. גל.), צי האָט געשפּילט אויך דער קאָנטראַבאַס?
23. צי פלעג דער ערשטער פידלער זיצן צוזאַמען מיט אַלע קלעזמער, אָדער ער פלעג שפּילן שטייענדיק?
24. צי פלעג דער ערשטער פידלער שפּילן טענץ?
25. ווו און אין וואָסער אָרדענונג פלעג זיך אויסזעצן דער אָרקעסטער בײַסן שפּילן אָפּ דער כאַסענע: א) בײַסן טאַנצן, ב) ווען מע פלעגט שפּילן צום טיש?
26. אין וואָסער אָרדענונג פלעג דער אָרקעסטער גיין אין גאַס?
27. צי פלעגן די קלעזמער קומען אָפּ דער כאַסענע אין די וואָכעדיקע קליי־דער, אָדער זיי פלעגן זיך איבערטאָן?
28. צי פלעג מען די קלעזמער מעכאַבעד זײַן ביז דער וועטשערע?
29. ווען פלעגן די קלעזמער עסן די וועטשערע, נאָך דעם ווי די געסט האָבן אָפּגעגעסן? ווער האָט זיי דערלאַנגט? צי פלעג מען זיי געבן די זעלבע מײַכאָלים וואָס די געסט, אָדער פון דעם, וואָס ס'איז געבליבן?
30. צי איז אין אײַער קאָמפּאַניע געווען א באַזונדער באַדכען, אָדער עמעצער פון דער קאָמפּאַניע פלעג אויספּילן די פליכטן פונעם באַדכען (גראַם זאָגן, אויסרופן דראָשע־געשאַנק, וויוועדן א. ד. גל.)?
31. אויב דער באַדכען האָט ניט געשפּילט, צי פלעג ער זיצן צווישן די געסט?
32. צי פלעג מען צאָלן באַזונדער פאַר יעדן טאַנץ אָדער פאַר דער גאַנצער כאַסענע? ווער פון די קלעזמער פלעגן צונויפנעמען דאָס געלט פאַר די טענץ? צי איז געווען א ספּעציעל קעסטל פאַרן געלט (אָדער א פוט־ליאַר פון א פידל)? ווער פלעג קאָנטראָלירן די סומע?
33. ווען א מוזיקאַליש ווערק פלעג באַזונדער געפעלן, וויאַזוי פלעגן די צו־הערער דאָס אויסדרוקן?
34. צי פלעג טרעפן פאַלן, ווען דער גאַסט (מעכוטן) איז געבליבן אומצופרידן מיט דעם מוזיקאַלישן ווערק, וואָס מע האָט פאַר אים געשפּילט? וויאַזוי פלעג ער אויסדריקן זײַן אומצופרידנקײַט?
35. צי פלעג מען אָפּ כאַסענעס צווינגען בײַס די קלעזמער האָבן געשפּילט?

36. צי פלעגן די קלעזמער אליין אמאָל צוזינגען באַם שפּילן (אוי, א שיינע קאלע, א גוטע נאכט, מאזלטאָוו, עס טאָגט שוין א. ד. גל.). צי געדענקט איר ניט די ווערטער פון אָט די (און ענלעכע) זאכן?
37. ווי אָפט פלעגן פאָרקומען רעפּעטיציעס?
38. ווער פלעג געבן אָנווײַזונגען אף די רעפּעטיציעס?
39. צי פלעג מען טענץ אויסלערנען פון נאָטן, אָדער לויטן געהער? ווער פלעג אָנווײַזן דעם באַס, סעקונדירער א. אנד. וואָסערע קלאַנגען אָדער אקאָרדן צו נעמען?
40. צי פלעג מען גרעסערע ווערק שפּילן פון די נאָטן אָדער אויך לויטן געהער?
41. צי פלעג אײַער קאָמפּאניע שפּילן אף נעגידישע כאַסענעס? צי פלעג מען פאַרגרעסערן די צאָל קלעזמער אף אזעלכע כאַסענעס? וואָסערע אינסטרומענטן פלעג מען צוגעבן?
42. וויפל קלעזמער פלעגן געווײנלעך שפּילן אף אן אָרעמער כאַסענע?
43. צי איז געווען אן אונטערשייד אינעם רעפּערטואַר אף כאַסענעס פון פאַרשיידענע שטאַנדן?
44. ווי איז געווען די באַציִונג צו קלעזמער פון פאַרשיידענע שיכטן?
45. צי פלעג אײַער קאָמפּאניע שפּילן אף ניט ייִדישע כאַסענעס און סימכעס:
א) אף פּויערישע כאַסענעס,
ב) אף פּריצישע און אנד. בעלער, סימכעס א. ד. גל.
46. וויִאזוי פלעגן באַצאָלט ווערן די קלעזמער אף ניט ייִדישע כאַסענעס, סימכעס א. ד. גל.: פאַרן אָוונט, פאַר דער גאַנצער צײַט, וואָס זיי האָבן געשפּילט אָדער פאַר יעדן טאַנץ?
47. וואָסערע טענץ (און אנדערע מוזיקאלישע שטיק) פלעגן די קלעזמער שפּילן אף פּויערישע כאַסענעס (ווי מעגלעך גענויער אויסרעכענען די טענץ און אנדערע ווערק).
48. וואָסערע זאכן פלעגן די קלעזמער שפּילן אף פּריצישע א. אנד. בעלער, סימכעס א. ד. גל.?
49. צי פלעגן די קלעזמער שפּילן אמאָל אויך ייִדישע טענץ אָדער אנדערע ייִדישע זאכן אף ניט־ייִדישע כאַסענעס? וואָסערע טענץ?
50. צי פלעגן די פּריצים הייסן אמאָל שפּילן ייִדישע שטיקלעך, טענץ א. ד. גל.?
51. אויב יאָ, צי פלעגן זיי זיך צו אזעלכע זאכן באַציִען ערנסט, מיט אינטערעס אָדער איראָניש, צום אָפּלאַכן?
52. צי פלעגן ניט ייִדן קומען הערן קלעזמער אף ייִדישע כאַסענעס (אונטער די פענצטער)?
53. וויִאזוי האָבן ניט־ייִדן (אוקראַיִנישע, ווײַסרוסישע, מאָלדאַווישע, פּוילישע א. א. פּויערים, מעשטשאַנעס א. א.) אויפגענומען ייִדישע מוזיק, טענץ א. ד. גל. פּאָזיטיוו, ערנסט, מיט אינטערעס אָדער מיט איראָניע?

54. צי האָבן ניט ייִדישע מוזיקאַנטן געשפּילט אמאָל אין אײַער קאָמפּאניע? צי האָט איר געהערט וועגן אזעלכס אין אנדערע קאָמפּאניעס? אף וואָסערע אינסטרומענטן האָבן געווײנלעך געשפּילט אזעלכע מוזיקאַנטן?
55. צי פלעגן ניט ייִדישע קלעזמער שפּילן שאַבעס אפן „פאָרשפּיל"?
56. ווער פלעג שפּילן אף כאַסענעס באַ די קלעזמער גופע?
57. צי פלעגן די קלעזמער ארומגיין פּורים און כאַנעקע שפּילן אין פאַרמעגלעכע הײַזער?
58. צי פלעגן קלעזמער אמאָל באַגלייטן דעם געזאַנג פון די פּורים־שפּילער?
59. צי פלעגן קלעזמער שפּילן באַ זיך אינדערהיים פאַר דער פאַמיליע, געסט א. ד. גל.? אין וואָסערע פאַלן? וואָס פלעגן זיי שפּילן אין אזוינע פאַלן?
60. צי פלעג טרעפן, אז א קלעזמער איז געווען אײַנגעלאַדן צו גאַסט צו באַקענטע און ער זאָל דאָרט שפּילן (אָן געצאָלטס)?
61. וויִאזוי פלעגן די קלעזמער אָנרופן די אינסטרומענטן און באַזונדערע טיילן פון די אינסטרומענטן?
62. צי האָבן אלע קלעזמער געוווּסט דעם קלעזמער־לאָשן?
63. צי פלעג מען באַזונדערע קלעזמער רופן מיט א צונאָמען לויטן אינסטרומענט, אף וועלכן ער האָט געשפּילט (אשטייגער — בענצי קלינעטער, שײַע באַס א. אז. וו.) אָדער צו אלעמענס נאָמען פלעג מען צוגעבן בלויז דאָס וואָרט „קלעזמער"?
64. צי זײַנען געווען אמאָל אין די שטעטלעך באַלמעלאָכעס, וואָס האָבן פּראָדוצירט מוזיקאלישע אינסטרומענטן (פידלען, טשעלאָ), סטרונעס א. ד. גל. אָדער די קלעזמער און מוזיקער־ליבהאָבער פלעגן אלעמאָל קויפן פאַרטיקע אינסטרומענטן און מאַכשירים?
65. צי ווייסט איר ניט וואָסערע איז מײַסעס, לעגענדעס, אנעקדאָטן, וויצן, לידער א. ד. גל. וועגן קלעזמער? אויב יאָ, פאַרשרײַבט עטלעכע פון זיי.

3. קלעזמערישער רעפּערטואַר און טענץ

1. מיט וואָס פאַר א זאַך פלעגן די קלעזמער אָנהייבן די כאַסענע (מאזלטאָוו, דאָבראַנאָטש)?
2. מיט וואָס פאַר א טאַנץ פלעג זיך אָנהייבן דער פאָרשפּיל און וויִאזוי איז די מעלאָדיע פון דעם טאַנץ? וואָסערע טענץ פלעג מען ביכלאַל טאַנצן אפן פאָרשפּיל?
3. וואָס פאַר א טאַנץ פלעג מען טאַנצן מיט דער קאלע פאַרן באַדעקנס?
4. וואָס האָבן די קלעזמער געשפּילט צו באַזעצן די קאלע? צי געדענקט איר די גראַם?

5. וויאַזוי פלעג מען מאכן א ווארע?
6. וואָס פלעג מען שפילן בייסן פירן צו דער כופּע דעם כּאָסן? די קאלע? פון דער כופּע?
7. וואָסערע שטיקלעך פלעג מען שפילן צום טיש?
8. וואָסערע וויוועדן געדענקט איר?
9. וויאַזוי פלעג פאָרקומען דער מיצווע־טאנץ, אָדער קאָשער־טאנץ, און וויאַזוי איז די מעלאָדיע? צי פלעג מען אלעמאָל שפילן איין און די זעלבע מעלאָדיע בא אָט דעם טאנץ, אָדער מע פלעג שפילן פארשיידענע מעלאָדיעס?
10. וואָסערע קאָלעקטיווע פיגורן־טענץ פלעג מען טאנצן?
11. וויאַזוי טאנצט מען א שער, א באַרייגעז, א בייגעלע א. אנד.?
12. וויאַזוי האָט מען געטאנצט דער קאלעס גילדערנעם טאנץ און וויאַזוי איז די מעלאָדיע?
13. אין פארשיידענע ערטער רופט מען אָן דעם פריילעכס מיט פארשיידענע נעמען: פריילעכס, האָפּקע, סקאָטשנע, קאראהאָד, רעדל, דריידל, א קײַלעכיקס, א ריקודל א. אנד. וויאַזוי פלעג מען בא אײַך זאָגן?
14. צי האָט מען א פריילעכס געטאנצט בלויז אין א ראָד אָדער עס זײַנען געווען פארשיידענע אנדערע פיגורן (א שלענגל א. אנד.)?
15. צי פלעג באם פריילעכס גיין א ראָד אין א ראָד? צי פלעגן אין דער ראָד ארײַנגיין אמאָל פארשיידענע באַזונדערע טענצער, פּאָרלעך א. אנד.?
16. אין ראָד פלעג מען טאנצן: 1) האלטנדיק זיך פאַר די הענט, 2) ארופלייגנדיק איינער דעם אנדערן די הענט אף די אקסלען. וויאַזוי נאָך?
17. צי פלעגן א פריילעכס טאנצן מענער מיט פרויען צוזאמען, אָדער באַזונדער מענער און באַזונדער פרויען?
18. צי ווייסט איר ניט וואָס איז דאָס פאר א טאנץ „סעמענע" אָדער „שעמעלע"? וויאַזוי פלעג מען אים טאנצן און וויאַזוי איז די מעלאָדיע פון אָט דעם טאנץ?

4. מוזיקער־ליבהאָבער

1. צי זײַנען געווען אין אײַער שטעטל (אָדער איר ווייסט אין אנדערע שטעטלעך, דערפער א. ד. גל.) מוזיקער־ליבהאָבער, וואָס האָבן זיך אויסגעלערנט שפילן אף אן אינסטרומענט און זײַנען ניט געווען קיין פּראָפעסיאָנעלע קלעזמער?
2. אף וואָסערע אינסטרומענטן פלעגן געוויינלעך שפילן אַזעלכע ליבהאָבער?
3. ווער זײַנען זיי געווען לויט דער סאָציאַלער אָפּשטאמונג?
4. צי האָבן זיי זיך געלערנט שפילן בא אן אָרטיקן קלעזמער אָדער פון זיך לויט נאָטן אָדער לויטן געהער?

5. פון וואָסערע ווערק איז באשטאנען דער רעפּערטואר פון אַזעלכע ליבהאָבער (פריילעכסן, זמירעס, אָפּערעטן־שטיק, טענץ א. אנד.)?
6. בא וואָסערע געלעגנהייטן פלעג שפילן א ליבהאָבער (מלאווע־מאלקע, סימכע א. אנד.)?
7. צי פלעג אמאָל אַזא ליבהאָבער שפילן אף כאסענעס מיט די קלעזמער? פאר געלט אָדער אומזיסט?
8. צי פלעגן זיך צונויפקלײַבן עטלעכע ליבהאָבער און שפילן צוזאמען? וואָסערע ווערק פלעגן זיי שפילן?